בעז"ה



# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת משפטים

גליון קלו שנה ד

בהכוונת

יו"ר מכון מחשבת החינך

המחנך הנפלא

הרב שלמה טייטלבוים שליט"א


# פארוואס קומט עס אריין פונקט דא?

פרשת משפטים הייבט אן מיט די הלכות פון עבד עברי, ווי אזוי מ'דארף האנדלען מיט אים און ווען קען ער ווערן באפרייט, די גאנצע ענין פון דער עבד עברי איז נישט אזוי קלאר.

די ערשטע זאך וואס מ'דארף פארשטיין איז, מיר גייען דאך אריבער פון פרשת יתרו ממש יעצט איז דאך געווען קבלת התורה, השי"ת האט זיך באוויזן צו כלל ישראל אויף די גרעסטע און שענסטע פארנעם, די יודען האבן קלאר געזעהן און געהערט אז "אנוכי ה' אלוקיך", און דער אייבישטער האט זיי געעפנט אלע זיבן הימלען און זיי געוויזן אז "אין עוד מלבדו" - ס'איז נישטא נאך א באשעפער חוץ פון אים, נאך אזא גרויסע גילוי אלוקות, וואלט געפאסט צו רעדן פון געהויבענע ענינים פון ספירות קדושה, טהרה, און וואס קומט גלייך נאך דעם? עבד עברי! נישט מער און נישט ווייניגער. ווען איינער האט געגנב'עט און ער האט נישט צו באצאלן פארקויפט מען אים פאר א קנעכט. ווי פאסט עס דא אריין? מ'האט נישט געטראפן מער א פאסיגע הלכה צו רעדן גלייך נאך מתן תורה חוץ פון דעם?

נאך דארף מען פארשטיין, ווען מ'רעדט שוין יא פון א עבד עברי, וואלט מען דאך געדארפט אנהייבן פון אנהייב מיט א סדר, ערשט אויס לערנען אז מ'מעג נישט גנב'ענען, און אויב מ'גנב'עט איז דא א חיוב צוריק צו געבן, און אויב ער האט נישט צו באצאלן וועט מען אים פארקויפען, און דעמאלס קען מען שרייבן די הלכות פאר איינער וואס קויפט אזא קנעכט, אבער נאך פאר מ'לערנט דעם איסור פון גניבה שרייבט מען שוין דער דין פון וואס מ'טוהט מיט א קנעכט וואס מ'האט געקויפט ווייל ער האט נישט געהאט צו באצאלט, ווי קומט עס דא אריין?

נאך איז שווער, מיר ווייסן דאך אז כלל ישראל האט זיך גערופן פון די צייט פון אברהם אבינו ביז מתן תורה מיט די נאמען עבריים, אבער פון מתן תורה זענען זיי אנגערופן "בני ישראל", איז פארוואס רופט מען אים עבד עברי און נישט עבד ישראל?

נאך דארף מען פארשטיין, די גאנצע ענין פון "כי טוב לו עמך" אז מ'דארף זארגן ס'זאל זיין גוט פאר דער קנעכט, און מ'מוז אים געבן יעדע זאך פון די בעסטע וואס איז דא אינדערהיים, אזוי ווייט אז חז"ל זענען געקומען צו די מסקנא אז "הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" - איינער וואס קויפט א קנעכט איז אזוי ווי ער קויפט זיך א בעל הבית, פארוואס איז דאס אזוי? וואס קומט זיך אים? נאך אלעס רעדט מען דאך דא פון א גנב איז פארוואס דארף מען אים צוליב טוהן?

ווען ס'ענדיגט זיך די זעקסטע יאהר ווערט די קנעכט באפרייט, און אויב ער וויל נישט ארויס גיין? נעמט מען אים צו בית דין און מ'לעכערט אים די אויער און ער בלייבט א קנעכט ביז יובל, פארוואס האט מען זיך יעצט דערמאנט אים צו לעכערן די אויער? מ'וואלט דאך דאס געדארפט מאכן די ערשטע טאג ווען ער איז געווארן א קנעכט? דעמאלס האט ער געגנב'עט נישט יעצט, יעצט האט ער דאך נישט געטוהן קיין שום עבירה, ער האט נאר געבעטן צו בלייבן, איז פארוואס מאכט אים יעצט א לאך און נישט דעמאלס?

*

דער מגיד רבי יענקלע גאלינסקי זצ"ל האט דערציילט:

אין די צייט פון די מלחמה איז ער געווען אין די רוסישע זייט, די רוסישע האבן צוזאמען גענומען די אלע וואס זענען נישט געווען קיין רוסישע בירגערס


מ'קען הערן דעם וואכעדיגן מאמר אויף די

**"מחשבות ליין"**

אין ענגלאנד 03300412861 (+44) אין ארץ ישראל 0772021021 (+972)

(באישור ועד הרבנים לעניני תקשורת)

**שמעו ותחי נפשכם**


# דבר העורך



ווען א מענטש פארבארגט געלט פאר א ארעמאן און נעמט פון אים א משכון כדי זיכער צו מאכן אז ער וועט אים באצאלן, זאגט אונז די תורה אן אז אויב דער מענטש האט נאר איין קלייד אדער איין קישן זאל איך אים דאס צוריק געבן ווען ער דארף דאס ניצן, ווייל אויב נישט איז "והיה כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני" – אויב ער וועט שרייען און בעטן וועל איך רחמנות האבן אויף אים און אים צו הערן.

לכאורה וואס איז דא דא זיך צו רעכענען מיט יענעמ'ס געשריי? מ'רעדט דאך פון א מענטש וואס איז שולדיג געלט און באצאלט נישט, מ'רעדט דא פון א מענטש וואס טאג נאך טאג שטיפט ער אפ זיינע חובות אן צו באצאלן, און דער פארבארגער האט נישט א ברירה און מוז אים אוועק נעמען זיין קישן כדי זיכער צו מאכן אז ער וועט אמאל באקומען זיין געלט, און אזוי וועט ער שרייען צום אייבישטער און דער אייביטשער וועט צו הערן צו זיינע תפילות און ער וועט אים שיקן געלט צו באצאלן, אויב אזוי איז דאך זייער גוט ער וועט האבן דערנאך געלט צו באצאלן, איז פארוואס ווארנט אונז די תורה אן אז מ'זאל אים צוריק צו געבן די משכון ווייל אויב נישט וועט ער שרייען און דער אייבישטער וועט אים צו הערן?

נאר – זאגט דער הייליגער ספורנו – דער ארעמאן איז טאקע נישט גערעכט מיט דעם וואס ער צאלט נישט, און אויב ער וועט דאווענען און בעטן פון דער אייביטשער ער זאל האבן צו באצאלן איז זייער גוט און ער וועט האבן צו באצאלן, דאס איז נישט אונזער פראבלעם.

די פראבלעם איז אבער אז דער מענטש ליגט אין בעט אן א קישן, און וויינט צום אייבישטער אויף זיין מצב, און וואס וויינט ער? רבונו של עולם, פארוואס האט יענער אזוי פיל און איך אזוי ווייניג? פארוואס קען יענער שלאפן רוהיג און געשמאק ביי נאכט מיט א גוטע קישן און איך מוז ליגן אזוי אן א קישן ווייל מיין קישן איז א משכון ביי יענעם, פארוואס קען יענער לעבן אזוי ברייט און איך מוז מיך בעטן צו אים פאר אביסל געלט צו קויפן עסן?

אזא תפילה וואס קומט אינמיטן די נאכט פון טיפן הארץ פונעם ארעמאן, אזא תפילה וואס קומט פון א צובראכענע הארץ ווערט אנגענומען,

אבער אזא תפילה האט אין זיך איין פראבלעם, ווייל דאס איז נישט נאר א תפילה אויף דעם וואס ער האט נישט, און א בקשה ער זאל יא האבן, דאס איז אויך א תפילה אויף דעם וואס יענער האט יא, פארוואס האט יענער און איך נישט, דאס איז א תפילה וואס קומט ארויס פון דעם וואס יענער האט מער און יענער האט אים אוועק גענומען די קישן.

אזא תפילה ווען ס'ווערט אנגענומען וועט אויספוילען אז דער אייבישטער וועט ח"ו אוועק נעמען פון דעם מלוה און אריבער פירן צום לווה, אזא תפילה קען שעדיגן דיר און דיין פארמעגן.

וועגן דעם ווארנט אונז די תורה אויב דו האסט זוכה געווען און דו האסט א גרויסע שפע אז דו קענסט אויך פארבארגן פאר יענעם, פאס אויף אויף דעם און ברענג נישט צו יענעם צו א מצב פון דאווענען אויף דעם וואס דו האסט יא, וממילא וועסטו קענען ווייטער האבן שפע און פארבארגן פאר אנדערע.

**א גוטן שבת**

צו א גרויסע לאגער, און דארט האבען זיי געמוסט זייער שווער ארבעטן, אין די לאגער איז געווען א גוי וואס האט אויס געזעהן זייער א הויכער און א שטארקער, און אלע האבען באמערקט ווי אזוי די רוסישע זארגן ער זאל קיינמאל נישט האבען מנוחה, ער האט געמוזט ארבעטן שווערער פון אלע אנדערע, און אין די נידעריגסטע ארבעט וואס איז נאר געווען, מ'האט אים כמעט נישט געגעבן מנוחה.

פון פארטאגס ביז ביינאכט האט ער שווער געארבעט נישט ארויס געגומען אווארט פון מויל, זיך נישט געקלאגט, און געמאכט אלעס וואס מ'האט אים נאר געזאגט, ביינאכט גלייך ווען ער האט געענדיגט די ארבעט האט ער זיך אויסגעשטרעקט אויף זיין בעט און איז איינגעשלאפן אן צו רעדן מיט קיינעם.

איין אוצר האט ער מיט זיך געהאט און מיט געשלעפט אין יעדע פלאץ ווי ער איז געגאנגען, דאס איז געווען א קליינע אלטע זאק מיט אפאר שמאטעס אינעווייניג, ער האט פאר קיינעם נישט געוויזן וואס ליגט דארט אינעווייניג, ווען ער איז געגאנגען שלאפן האט ער דאס געלייגט אינטער זיין קאפ, און ביי די ארבעט האט ער דאס באהאלטן אז קיינער זאל עס נישט טרעפן.

די אנדערע מענטשן האבן אים פארבירט פון מאל צו מאל פרעגן וואס ער האט אין די זאק וואס איז דאס אזוי וויכטיג פאר אים, אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט דערציילן.

איין נאכט - דערציילט רבי יענקלע - האב איך מיך אויף געוועקט אינמיטן די נאכט און נישט געקענט מער איינשלאפן, איך ליג אזוי אין מיין ווינקל אויף מיין ברעט, און פלוצלינג זעה איך איינער שטייט אויף, איך פראביר אין די טונקעל עפעס צו זעהן.

און איך זעה דעם גוי שטייט אויף פון בעט, און מאכט אויף די באוויסטע זאק, ער קוקט אין אלע זייטן צו זעהן אז אלע שלאפן, ער נעמט ארויס פון זאק בדחילו ורחימו, דייטשע מיליטערישע קליידער, ער טוהט עס שנעל אן, ער מאכט זיך שיין מיט די קליידער פירט אריבער די האנד אויף די קלייד זאל שטיין ריכטיג און שיין אויף אים, ער גיבט זיך א שטעל אויף און מאכט פארשידענע תנועות אזוי ווי ער איז יעצט אן אופיציר אויף א גאנצע גרופע פון סאלדאטן, ער שפאצירט אפאר טריט אהין און צוריק, און טוהט אויס די קליידער און לייגט זיי שנעל צוזאם, און פאקט עס איין אזוי ווי ס'וואלט גארנישט געווען און גייט צוריק אריין אין זיין בעט.

אינדערפרי ווען מ'איז געשטאנען אינדערויסן ביים ציילן אויב אלע זענען דא, האב איך מיך אוועק געשטעלט לעבן אים, און אזוי ווען קיינער האט נישט געהערט האב איך אים געפרעגט: פארוואס האסטו אנגעטוהן אינמיטן די נאכט דייטשע מיליטערישע קליידער?

דער מענטש איז געווארן בלאס און דערשראקן, שנעל ארום געקוקט אויב איינער האט מיר געהערט, איך האב אים צו געזאגט אז נאר איך האב דאס געזעהן און איך וועל עס פאר קיינעם נישט דערציילן, אבער ער זאל מיר ערקלערן די זאך.

האט ער מיר געענפערט: איך בין א גרויסער גענעראל אין די דייטשע מיליטער, און אזוי ווי דו זעהסט זיכער פראבירען די רוסישע און יעדע געלעגנהייט צו צוברעכן מיין זעהל, זיי פארשעמען מיר און געבן מיר די שווערסטע און די שמוציגסטע ארבעט וואס מ'קען נאר געבן, אלעס כדי איך זאל ווערן אין מיר אינעווייניג צובראכן.

אבער, אך לאז מיך נישט, איך לאז נישט צו אז די ארבעט וואס זיי געבן מיר זאל מיר צוברענגען אז איך זאל אנהייבן צו טראכטן אז איך בין א נידעריגע מענטש, וועגן דעם בין איך מקפיד יעדע נאכט אנצוטוהן מיינע מיליטערישע קליידער, מיר צו דערמאנען פון ווי איך קום און ווער איך בין, איך זאל נישט פארגעסן מיין מדרגה, ווייל אויב איך וועל פארגעסן ווער איך בין און ווי חשוב איך בין, האבען זיי מיר געווינען.

נאך א תקופה איז געווען א אפמאך צווישן די דייטשע און די רוסישע, און ער איז באפרייט געווארן און טאקע געווארן א גרויסער גענעראל אין די דייטשע מיליטער ימ"ש.

וואס מיר דארפן פון דא ארויס נעמען צו אונזערע ענין איז א מוירעדיגע זאך - פירט אויס רבי יענקלע - א יוד מעג קיינמאל נישט פארגעסן ווער ער איז, ער מוז אלע מאל געדענקען אז אין יעדע מצב וואס ער געפינט זיך איז ער א בן מלך, א קינד פון מלך מלכי המלכים הקב"ה.

*

די גמרא אין סנהדרין דערציילט אז שלמה המלך איז געווען די גרעסטער מלך וואס כלל ישראל האט געהאט, שפעטער איז ער געווארן אויס קעניג און געווארן ממש א ארימע מענטש און נאכדעם איז ער צוריק געווארן קעניג.

דערציילט די גמרא אזוי: "בתחילה מלך שלמה על העליונים ועל התחתונים" - אין אנהייב איז ער געווען מלך אויף די וועלט און אויף די מלאכי מרום, "ולבסוף מלך על ישראל" - שפעטער איז ער געווען מלך נאר אויף ארץ ישראל, "ולבסוף מלך על ירושלים" שפעטער איז ער געווען מלך נאר אויף ירושלים... "ולבסוף לא מלך אלא על מטתו" - שפעטער איז ער געווען מלך נאר אויף זיין בעט, "ולבסוך לא מלך אלא על מקלו" - צום סוף איז געווען מלך נאר אויף זיין שטעקן.

ווי אזוי קען מען אנרופן די ווארט "מלך" אויף א מענטש וואס איז געבליבן מיט זיין שטעקן אליין?

די גמרא דערציילט אז שלמה המלך האט נישט געהאט וואס צו עסן און ער איז ארום געגאנגען בעטן עסן און אויס גערופן איך בין שלמה וואס איז געווען מלך אין ירושלים, און יעצט בין איך מלך נאר אויף מיין שטעקן.

ווי אזוי קען מען אנרופן אזא זאך מלוכה? מיט וואס איז ער געווען אנדערש פון יעדער ארמאן וואס האט א שטעקן?

נאר שלמה המלך איז טאקע געפאלן פון זיין גרויסקייט, ער איז טאקע נישט געווען דער קעניג און נישט געהאט וואס צו עסן, אבער דאס איז געווען נאר אין זיין פיזישע חלק, אין זיין גוף, אבער אין זיין גייסט האט ער די גאנצע צייט געשפירט אז ער איז מלך, ער האט זיך אויף געפירט אויף א וועג וואס ווי ער איז געגאנגען האט עס אויסגעשריגן אז דער מענטש איז א "מלך" אויך ווען ס'איז נאר געווען אויף זיין שטעקן.

שלמה המלך האט זיך קיינמאל נישט צובראכן און אלע מאל געדענקט ווער ער איז און פון ווי ער שטאמט, און נאר וועגן דעם האט ער זיך געקענט שפעטער צוריק כאפן און צוריק ווערן דער מלך אויף כלל ישראל, ווייל כל זמן דער מענטש געדענקט זיין חשיבות קען ער זיך צוריק ארויף כאפן און צוריק אויף בויען זיין לעבן אויך ווען ער איז שטארק געפאלן.

תלמידים האבן אמאל געפרעגט הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין, וואס איז די ערגסטע עבירה וואס קען זיין ביי א יוד, האט דער רבי האט געטראכט אפאר מינוט און געענטפערט, די ערגסטע זאך איז ווען א יוד פארגעסט אז ער איז א בן מלך, ווייל ווען א יוד פארגעסט זיין חשיבות קען ער אריין פאלן אין די ערגסטע עבירות.

די ערשטע זאך מיט וואס דער יצר הרע הייבט אן, איז איין צו רעדן דעם מענטש אז ער איז גארנישט ווערט, דו ביסט דאך אזא גרויסער בעל עבירה אז ס'איז גאר נישט ווערט דיין דאווענען און ס'איז גאר נישט ווערט דיין לערנען, ווען דער יצר הרע האט הצלחה און דער מענטש פארגעסט אז ער איז א בן מלך, ווען א מענטש פאלט אריין צום געפיל אז ער איז גארנישט ווערט אז ער איז א עבד עברי, ער זעהט זיך אזוי נידעריג, ער שפירט זיך צוקלאפט, דעמאלס איז ער ביים יצר הרע אין די הענט און דורך דעם קען ער אריין פאלן אין די ערגסטע פלעצער.

וועגן דעם הייבט אן די תורה גלייך נאך מתן תורה מיט די מצוה פון עבד

# שאלות ותשובות

**שאלה:** איך בין זייער נישט צופרידן פון מיין מצב אין ישיבה, אויך אינדערהיים שטערט מיר זייער אסאך זאכן, איך פארשטיי אז נישט אלעס קען גיין אזוי ווי איך וויל, אבער ווי אזוי קען איך זיין צופרידן ווען ס'גייט נישט אזוי ווי איך וויל?

## תשובה חלק ג':

אין די לעצטע צוויי וואכן זענען מיר געבליבן מיט די מסקנות:

1. די זאכן וואס דער מענטש האט קען אים נישט מאכן צופרידן, פונקט אזוי ווי די זאכן וואס ס'פעלט אים וועט אים נישט מאכן אום צופרידן אלעס ווענדט זיך נאר אין די בליק וואס דער מענטש האט אויף די זאכן וואס ער האט.

אזוי ווי מיר זעהן אין די גמרא דעם כלל פון "יש לו מנה רוצה מאתיים", ווייל דאס וואס ער האט קען אים קיינמאל נישט צופרידן שטעלן, נאר אויב ער וועט ארבעטן אויף זיך צו זיין א שמח בחלקו, דעמאלס וועט ער זיין א צופרידענער מענטש מיט וואס ער האט.

2. יעדער מענטש האט א וועג ווי אזוי ער קוקט אן די וועלט און ווי אזוי ער קוקט אן די מציאות וואס נעמט אים ארום, א פאזעטיווע וועג אדער א נעגאטיווע וועג, און לויט דעם שפירט ער זיך אויך צופרידן אדער אפסעט פון וואס ס'געשעהט.

3. מיר האבן אויך געזעהן ווי אזוי דער נחש האט אויס געדרייט די בליק פון חוה ווען ער האט גענומען א גוטע זאך און אויסגעדרייט די טייטש פון דעם, ביז ווען חוה האט זיך איינגערעדט אז צו עסן פון עץ הדעת וועט זיין פאר איהר א טובה און דורך דעם צו געברענגט די טויט און דעם שטן אויף די וועלט.

פון די אנדערע זייט האבן מיר געזעהן ווי אזוי דער רבי האט געטוישט די בליק פאר זיין חסיד ער זאל זעהן די גוטע חלק און זיין מצב און ער זאל וויסן צו דאנקען אויף דעם און ממילא וועט ער נישט זעהן זיין צרה אזוי גרויס.

אין פרשת כי תבא ביי די תוכחה שטייט אז די אלע שרעקליכע צרות וועלן קומען וועגן "אשר לא עבדת את ה' אלוקיך בשמחה" - ווייל דער מענטש האט נישט געדינט דעם אייבישטער מיט שמחה, פרעגט זיך די שאלה ווי אזוי קען איך זיין פריילעך אויב ס'איז מיר טרויעריג? ווי אזוי קען איך זיין צופרידן ווען ס'איז מיר שלעכט?

אבער אויב די תורה פארלאנגט דאס פון אונז איז עס א סימן אז דער מענטש קען דאס טוהן, דאס איז א סימן אז א מענטש קען אוועק ריקן זיינע געפילן פון טרויעריגקייט צו שמחה און אויך אויף די פארקערטע זייט, ווי אזוי קען דאס זיין? ווי אזוי טוהט מען דאס?

נאר למעשה האט יעדער מענטש אין יעדע מינוט פון זיין לעבן אסאך זאכן וואס ער האט ליב און ס'מאכט אים צופרידן און גליקלעך, און די זעלבע צייט האט ער אויך אסאך זאכן וואס געפעלן אים נישט און ער איז נישט צופרידן מיט דעם.

די חילוק פון דער מענטש וואס איז צופרידן צו דער מענטש וואס איז נישט צופרידן איז ווי לייג איך די פוקוס, אין וועלכע נקודה לייג איך אריין מיינע מחשבות צו אין די גוטע זאכן וואס איך האב אדער אין די שווערקייטן וואס איך האב.

די מחשבה פון דעם מענטש בויעט אויף געפילן, ווען א מענטש טראכט אריין אין א זאך אסאך צייט וועקט עס אויף די געפילן וואס פאסט אריין צו די זאך וואס ער טראכט אויף דעם.

ווען איינער זיצט יעצט און לייען די תשובה און וועט יעצט לייגן די מחשבה אויף די אום באקוועמע בענקל וואס ער זיצט, און ווי אזוי ס'איז נישט גוט פאר זיין ריקן, איז ביז אפאר מינוט וועט ער אנהייבן צו שפירן נישט באקוועם און ער וועט נישט מער אויסהאלטן צו זיצן אזוי און ער וועט מוזן טוישן פלאץ.

א מענטש קען אריין טראכטן אין א זאך און די מחשבה וועט אויף וועקן זיינע געפילן לויט די מחשבה וואס ער טראכט.

בטבע האדם, די נארמאלע נאטור פון דעם מענטש אויב ער לאזט זיין נפש הבהמית צו פירן זיין וועלט, וועט ער זעהן בדרך כלל די שלעכטס וואס נעמט אים ארום און נישט די גוט'ס, "לפתח חטאת רובץ" די ערשטע מחשבה וואס קומט ווען א מענטש ארבעט נישט אויף זיך איז "חטאת" די שלעכטע מחשבה, אזוי ווי א בהמה וואס גייט די גאנצע צייט מיט די קאפ אראפ, דאס איז די נאטירליכע משיכה פון די גשמיות.

די עבודה פון דעם מענטש איז אויף צו וועקן אין זיך די צווייטע חלק די מחשבות פון די גוט'סקייט וממילא וועט ער אנהייבן צו שפירן די גוט'סקייט וואס ס'נעמט אים ארום און ער וועט קענען זיין פריילעך און צופרידן און דינען דעם אייבישטער בשמחה, און דאס איז די תביעה צום מענטש אין פרשת כי תבא "תחת אשר לא עבדת את ה' אלוקיך בשמחה מרוב כל" דו האסט נישט געזעהן אלע גוטע זאכן וואס דו האסט וממילא ביסטו נישט געווען בשמחה.

די ריכטיגע עבודה פון דער מענטש איז, אויס צו לערנען זיין מח צו זעהן און צו טראכטן גוט, וממילא וועט אים זיין גוט און ער וועט זיין א צופרידענער מענטש.

די תורה האט אונז אויך געגעבן די כלים און צו געשטעלט א סיסטעם מיר זאלן דאס קענען מאכן.

א יוד שטייט אויף אינדערפרי און הייבט אן דעם טאג מיט "מודה אני" רבש"ע איך דאנק דיר אז איך האב צוריק באקומען די נשמה און איך בין דא לעבעדיג.

נאכדעם קומען אלע ברכות השחר וואס גייט אריבער דעם גאנצן מענטש אזוי ווי א טשעק אפ, צו זעהן אז ווי גוט ס'איז מיר דאס לעבן.

איך בין געזונט - יישר כח לאמיר דאנקען מיט די ברכה אשר יצר.

איך קען זעהן- יישר כח "פוקח עיוורים"

איך האב קליידער - "מלביש ערומים"

איך קען שטיין - "זוקף כפופים".

און אזוי גייען מיר אריבער אלעס וואס מיר האבן און מיר דאנקען און לויבען אויף יעדע זאך באזונדער, דאס לערנט אויס דעם מענטש אנצוהייבן דעם טאג מיט זיך מתבונן זיין און אריין טראכטן אין די אלע גוטע זאכן וואס ער האט, און זעהן די טאג און די לעבן דורך דאס וואס ער האט און נישט דורך דאס וואס ס'פעלט אים.

ווען א מענטש זעצט זיך אוועק און טראכט אריין אין ער שטעלט איין זיין מחשבה צו קוקן אויף וואס ער האט און נישט אין וואס ער האט נישט וועט ער זיין צופרידן.

אויב דאס איז נישט גענוג, און דער מענטש שפירט נאך נישט גענוג גוט און צופרידן מיט זיך, זאל ער זיך אראפ זעצן מיט א רוהיגקייט פינף מינוט, נעמען א בלאט מיט א פעדער און אנהייבן צו שרייבן זאכן וואס ער דארף אויף דעם דאנקען, אין אנהייב איז דאס אביסל שווער ווייל מיר זענען צו געוואוינט צו שרייבן וואס ס'פעלט אונז און וואס ס'קומט זיך אונז, מ'קען אנהייבן מיט פינף זאכן וואס זענען פאר אונז גוט, און יעדן טאג טרעפן נאך אפאר זאכן וואס זענען אונז גוט.

אויב ס'איז שווער צו טרעפן זאכן איז דא א פשוט'ע עצה ווי אזוי דאס צו טרעפן, יעדע זאך וואס ווען ס'וואלט מיר געפעלט וואלט דאס געווען א פראבלעם, ממילא אויב איך האב עס איז דאס א סיבה צו לויבן און דאנקען און זיין צופרידן.

ווען מ'מאכט די עבודה יעדן טאג, ווערט אונזער מח צו געוואוינט צו טראכטן אויף די זאכן וואס מ'האט און נישט אויף די זאכן וואס מ'האט נישט, וממילא ווערט דער מענטש מער און מער צופרידן.

מיט יעדען טאג פון ארבעט וועט דאס ווערן גרינגער צו טרעפן גוטע זאכן, ווייל די מחשבה וועט זיך אויסלערנען צו קוקן אויך אויף דער זייט און מיט די צייט וועט מען ווערן ווייניגער אום צופרידען פון וואס מ'האט נישט, און מער צופרידן פון וואס מ'האט יא.

די גמרא דערציילט אז א פעדלער איז אמאל ארום געגאנגען און אויסגערופן ווער וויל קויפן "סם החיים" - א מעדיצין וואס מאכט א מענטש לעבן, זייער אסאך מענטשן זענען צו געקומען זעהן וואס ער האט צו פארקויפן.

רבי ינאי האט זיך אויך אינטערעסירט ביים פעדלער וואס ער האט צו פארקויפן.

האט אים דער פעדלער ארויס גענומען א תהילים און פאר געליינט די פסוקים "מי האיש החפץ חיים [ווער ס'וויל לעבן] אוהב ימים לראות טוב [און האבן שיינע טעג] נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה [זאל נישט רעדן לשון הרע]".

וואס האט דא דער פעדלער אויס געלערנט רבי ינאי? ווי אזוי האט צו טוהן נישט רעדן לשון הרע מיט האבן לעבן?

נאר דער פעדלער האט אים אזוי געזאגט "מי האיש החפץ חיים" - אויב דו ווילסט לעבן, אויב דו ווילסט האבן א גוטע לעבן, איז די עצה פארדעם "אוהב ימים לראות טוב" - האב ליב צו זעהן די גוטע זאכן וואס דו האסט אין דיין טאג, געוויין דיך צו צו זעהן די טעג פון זייערע גוטע זייט, ממילא וועט אויך זיין "נצור לשונך מרע" - דו וועסט נישט רעדן שלעכטס און נישט לשון הרע ווייל דו וועסט זעהן נאר די גוטע חלקים פון די לעבן, און אזוי וועט דיין לעבן וואס דו לעבסט זיין א גוטע לעבן.

הצלחה רבה!

## המשך מעמוד ב'

עברי, ווייל די ערשטע טריט וואס דער יצר הרע פראבירט צו טוהן איז אונז אראפ צו שלעפן צום געפיל אז מיר זענען גארנישט ווערט אזוי ווי א עבד און אין א מדרגה פון א עברי, און דורך פראבירט אונז אריין צו כאפן צו זיך און אונז פארזינדיגן.

לערנט אונז די תורה אויס אז מיר זאלן חלילה נישט פארגעסן אז מיר זענען דעם אייבישטער'ס קינדער, מיר זאלן וויסן אז מיר זענען בני מלכים, און אויב א חבר איז געפאלן און אזא נידעריגקייט ביז ער איז אן געקומען צו א מדרגה פון א עבד, און נישט סתם א עבד נאר א בחינה פון א "עברי" אזוי ווי מיר זענען געווען פאר קבלת התורה, ווען מיר זענען נאך נישט געווען די בני מלכים, וואס דארף מען טוהן מיט אזא איינער? ווי אזוי קען מען אים ארויס נעמען פון דארט?

אין אזא פאל זאגט אונז די תורה, "כי טוב לו עמך" - מאך אים גוט, מאך אים גרויס, גיב אים צו שפירן ווי חשוב ער איז, לערן אים אויס זיין חשיבות וואס ער האט אלס טייערע קינד פון דער אייבישטער, "כי טוב לו עמך" - ס'זאל אים זיין גוט אזוי ווי פאר דיר, אויב די האסט נאר איין בעט געב עס אים, אויב די האסט נאר איין ברויט געב עס אים, ער זאל שפירן זיין חשיבות, ס'זאל אים אריין גיין אין אלע זיינע גלידער, ביז ווען ער וועט דאס שפירן אז ער איז א בן מלך, ווען ער וועט שפירן אז ער איז א טייער קינד פון דער אייבישטער, און נישט עפעס א קנעכט, וועט ער שוין אליין צוריק קומען צום אייבישטער.

לויט דעם קען מען פארשטיין פארוואס נאר נאך די זעקס יאהר לעכערט מען אים די אויער, ווייל א מענטש קען פאלן, ס'קען געשעהן אז א מענטש ווערט נכשל און ער פאלט צו א מדרגה פון א עבד עברי, מ'קומט נישט צו אים מיט טענות פארוואס ער איז געפאלן און מ'לעכערט אים נישט זיין אויער, פארקערט מ'פראבירט אים צו דערהייבן און ארויס נעמען פון זיין דורכפאל, אבער אויב נאכדעם וואס ער ווערט א קנעכט און נאכדעם וואס ער ווערט אזוי געהויבן פון זיין בעל הבית זעקס יאהר, וויל ער נאך אלץ בלייבן א עבד עברי, אויב ער זעהט זיך נאך אזוי נידעריג און ער וויל נישט ארויס גיין פון זיין מצב, קומט זיך אים יעצט אז מ'זאל אים אויסלעכערן די אויער.

און ווי לעכערט מען אים די אויער לעבן די טיר און די מזוזה וואס זענען געווען עדות אין מצרים ווען דער אייבישטער האט אונז אויף געהויבן צו א מצב פון בני בכורי ישראל, ווען דער אייבישטער האט אונז אריין געגעבן די חשיבות מיר זאלן האבן די כוחות ארויס צו גיין פון אונזערע נידעריגקייט וואס מיר האבן געהאט אין מצרים.

לעילוי נשמת
הרה"ח ר' יעקב יוסף ב"ר
אלטר זעליג משה הלוי
נלב"ע ב' אדר
ת. נ. צ. ב. ה.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW